# פ׳ לך לך

## ✪ ברוכים הבאים די נייע קינדער

מיט גרויס פרייד נעמען מיר אויף די צענדליגע נייע קינדערלעך וואס זענען אריין געקומען אין קינדערגארטן די וואך, חודש חשון תשע״ב. מיר ענטפאנגען אייך מיט א ״**ברוכים הבאים בשם השם**״. עס איז אונזער האפענונג און וואונטש איר זאלט מצליח זיין, אין זיך גוט געפונען אין אייער נייע חדר, איר זאלט שטייגן מיט מדות טובות און יראת שמים, ווי עס איז די שטרעבונג פון אייערע חשובע עלטערן שיחיו.

## ✪ דער קאלעך אויוון ברענט



די וואך האבן מיר געלערנט די מעשה פון נמרוד און דעם קאלעך אויוון. מיין רבי דערציילט אונז די מעשה, אבער עס איז פאר אונז שווער צו פארשטיין וואס דאס מיינט א קאלעך אויוון. ביז איין טאג זאגט אונזער רבי, ״מיר גייען היינט שפאצירן צו א חדר ווי מיר וועלן קענען זעהן א ״קאלעך אויוון״. מיר קענען שוין קוים ווארטן, אבער ניין, מיין רבי זאגט, מיר דארפן ווארטן ביז עס וועט קומען אונזער רייע צו קענען גיין ווייל ס׳איז דא א סדר ווי יעדע רבי שרייבט אויף ווען ער וויל גיין און וויפיל אזייגער. ענדליך זאגט ער אונז אז מיר גייען. מיר קוקן אויף די ערא״ס וואס צייגט ווי מען דארף גיין, מיר גייען דאס נאך ביז מיר קומען אן צו א שטוב... מיר זעהן שוין א רויעך....ווען מיר קומען אריין האבן מיר נישט געקענט גלייבן וואס מיר זעהן. עס קוקט טאקע אויס ממש ווי א עכטע ״פייער״ און עס פלאקערט ווי א עכטע קאלעך אויוון. און עס קומט א רויעך... נאר איין זאך. די פייער איז נישט הייס... (א גרויסן יישר כח פאר המלמד החשוב הר״ר משה יעקב גרינוואלד שליט״א פארן צושטעלן דעם הערליכן קאלעך אויוון)

## ✪ שרה אין די קאסטן

(פאר די גרעסערע קינדער) דעם מיטוואך האבן מיר געהאט גאר גאר א אינטערעסאנטער פראגראם ב״ה. מיר זענען זיך צוזאמען געקומען אין לאנט״ש רו״ם וואו עס איז געווען צוגעגרייט צוויי באזונדערע סטעידשעס. ווייל מיר גייען זעהן צוויי זייער שיינע מעשה׳לעך. קודם די מעשה פון **שרה אין די קאסטן**, און נאכדעם די מעשה פון **תרח און די געטשקעלעך**.

מיר זעהן ווי אברהם אבינו (**חיים דוב וואנהאצקער** נ״י) מיט מיסטער לוט (**שלמה פייערשטיין** נ״י) טראגן א קאסטן און זיי גייען קיין מצרים ווייל אין דעם לאנד כנען איז דא א הונגער. מיר זעהן ביי די טויער פון מצרים שטייען שטרענגע סאלדאטן –פאליציי, (**מרדכי וואלף שווארטץ** נ״י – **חיים שלמה ראטענבערג** נ״י - **נתן שעהר** נ״י) זיי לאזן נישט יעדן אריין אין מצרים. זיי שרייען צו אברהם. ״מאך אויף די קאסטן״. אבער אברהם אבינו האט נישט געוואלט אויפמאכן די קאסטן. די סאלדאטן - פאליציי שרייען העכער און אלע קינדערלעך שרייען מיט ״מאך אויף די קאסטן״... ביז די סאלדאטן-פאליציי האבן אויפגעמאכט די קאסטן זיי האבן געטראפן א באבע שרה. געדענקסט נאך וואס די באבע שרה קען מאכן מיט די הענט? זיי האבן געטראגן די באבע שרה צו דעם קעניג פרעה (**יודל ווייס** נ״י) און ער האט נישט געוואלט צוריק געבן די באבע שרה פאר אברהם אבינו. מיר זעהן ווי פרעה גייט אריין אין זיין בעט שלאפן, קומט א מלאך און שלאגט אים גוט אן, און ער ווייסט נישט ווער עס שלאגט אים, ביז ער זעהט שוין אז מ׳שלאגט אים וועגן די באבע שרה, האט ער שנעל גערופן אברהם אבינו און מיר זעהן ווי ער גיט צוריק די באבע שרה פאר אברהם אבינו.

ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר נאכאמאל מעלדן די חשובע עלטערן אז ווען עס איז דא א פראגראם (נישט יעדע וואך איז דא) איז דאס געווענטליך מיטוואך פון 11:15 ביז 11:45 ביטע זיך אויסרעכנען מיט אפוינטמענט׳ס ווייל די קינדער זוכן דאס ״נישט״ צו פארפאסן.

## ✪ תרח און די געטשקעלעך

ווייל מיר זענען געזעסן אזוי שיין און שטיל און הערליך מיטגעהאלטן, האבן מיר געקענט זעהן די צווייטע מעשה וואס איז אויך געווען ״אזוי״ אינטערעסאנט... מיר הערן ווי דער אלטער תרח דערציילט אז ער האט א סטאר ווי ער מאכט געטשקעלעך. מיר האלטן מיט וויאזוי תרח מאכט זיך זיינע געטשקעלעך (נישט קיין עכטע...) ער מאכט קליינע געטשקעלעך און גרויסע געטשקעלעך, רויטע און גרינע... איין געטשקעלע האט נאר א נאז, איין געטשקעלע האט נאר א מויל, איין געטשקעלע האט איין אויגעלע. אפאר געטשקעלעך זענען ארויף געפלויגן הויעך ביזן דאך... מיר האבן אזוי געלאכט פון די נארישע געטשקעלעך... מיר ווייסן אבער אז די געטשקעלעך קענען נישט הערן, נישט זעהן, נישט גיין. ״נאר״ די נארישע גוים דאווענען צו זיי. נאכדעם זעהן מיר ווי אברהם אבינו ליגט אין בעט, און אינמיטן די נאכט וועקט ער זיך אויף, ער נעמט א האק פון די קלאזעט, ער גייט צו די סטאר פון דעם אלטן תרח, ער שרייט הויעך און אלע קינדער שרייען מיט: ״**עס איז נאר דא איין באשעפער אויף די גאנצע וועלט, און מ׳טאר נישט דאווענען צו קיין געטשקעס** .... און.... ער...... צוהאקט.... אלע געטשקעלעך, ביז איינס נאכן צווייטן פלאצן זיי (די באלונן׳ס) און ווערן צוקראכט. מיר זעהן צופרי ווי דער אלטער תרח שטייט אויף און ער זוכט זיין סטאר (ער איז שוין אלט...) די קינדער מוזן אים ווייזן ווי זיין סטאר איז... ער קומט אריין און ער ווערט אזוי דערשראקן און פרעגט ״ווער האט צוקראכט אלע מיינע געטשקעלעך???״ אסאך קינדערלעך שרייען זיך אונטער ״זייער גוט – זייער גוט. ער כאפט זיך אז אברהם האט דאס געטוהן. ער ווערט אויפגערעגט און ער פרעגט אברהם אויב ער האט צוקראכט די געטשקעס? און ער זאגט יא! ווייל מ׳טאר נישט דאווענען צו געטשקעס נאר צום איין איינציגן הייליגן באשפער וואס האט באשאפן די גאנצע וועלט.

## ✪ פייער בעל זיך צוקלונגן

די וואך דינסטאג האט זיך די פייער בעל פלוצלינג צופיפן און אלע קינדער האבן געמוזט אין איילעניש ארויס גיין פון בנין, אסאך קינדער ספעציעלע די גאר קליינע האבן דאס אויפגענומען שווערליך. אויב באמערקט איר אז אייער קינד האט באקומען א פחד צו גיין אין חדר, קען זיין עס איז וועגן דעם, ביטע רעדן צו אייער קינד אדער דאס מעלדן פאר זיין מלמד און מ׳וועט דאס מסדר זיין בעזהשי״ת.

## ✪ השבת אבידה

מיר ארבעטן צו עפענען גאר און נאנטן אן השבת אבידה קעסטל ווי אלע פארלוירענע זאכן וועלן דארט אהין געלייגט ווערן. דאס וועט ווארשיינליך שטארק צוהעלפן אז עס זאל נישט פארלוירן גיין אידיש געלט, והתורה חסה על ממונם של ישראל. פאלגט נאך ווייטערדיגע מעלדונגן דערוועגן (ביטע זעהט מעסעד״ש פון די וואך)

## ✪ מעסעד״ש פון די וואך (לעבל׳ס)

עס האט זיך ב״ה אנגעהויבן דעם ווינטער און א מזל׳דיגע שעה. מיט דעם קומט מיט אז די קינדער הויבן אן ברענגן מאנטלעך, דשעקעט׳ס, הענטשקעס און שאלן. זייער אפט ווערן זיי פארלוירן און די זאכן קאסטן גאר אסאך געלט. עס איז ווייטאגליך צו זעהן ווי עס וואלגערן זיך ארום אידיש געלט וואס וואלט געקענט גרינג געשפארט ווערן. דערפאר איז גאר וויכטיג ארויף צו לייגן א לעבל אויף אלע זאכן כדי דאס זאל נישט פארלוירן גיין.

# זיסע חכמה'לעך

**מרדכי'לע קרויס** פרעגט "פארוואס האט געדארפט די תיבה האבן 3 שטאקן? מען וואלט געקענט געבן די גארביד"ש פאר די חיות צו עסן? אויך פרעגט ער "וויאזוי קען זיין אז די לייב וואס האט געביסן נח האט געקענט אריין אין די תיבה? ווייל נאר ווילע חיות האבן געקענט אריין אין די תיבה"....

**דוד האפמאן** קען נישט פארשטיין מ'זעהט ביי די תיבה נח און 2 קינדער. מ'זעהט נישט די דריטע – ער איז נישט א איד?......

**שלמה זלמן בערנאטה** האט זייער ליב די שניי, ער האט אריין געלייגט שניי אין א קאפ, און ער בעט סקאט"ש טעי"פ מ'זאל עס צוקלעבן עס זאל קענען בלייבן"...

ווען **משה מאיר אונגאר'ס** טאטע איז אהיים געקומען פון שוהל שבת, האט ער געפרעגט "משה מאיר, וואס זאגסטו צו די שניי? האט ער געענטפערט "די שניי קען נישט רעדן"...




ווען די מאמע האט גענדיגט פארהערן **יענקל'ע** די סדרה האט זי אים געפרעגט, וויאזוי זינגט מען די די פרשה ליד פון די וואך? זאגט ער "מיט די מויל"....

**חיים ווייס** דערציילט זייער שיין די סדרה, ער דערציילט פאר זיין מאמע אז נח האט געבויעט א טייגער"....

דער רבי רופט זיך אן, היינט האט ישראל'לי זייער שיין געדאווענט. רופט זיך אן **נתן שעהר**, איך האב נישט געקענט היינט דאווענען שיין, ווייל איך האב געגעינעצט".....

**חיים שלמה** טעהנ'הט אז ווען עס איז געווען די טריפ פון "א מיטוואך אין קינדערגארטן איז ער נישט געווען אין חדר, ווייל ער געדענקט נישט אזא טריפ"....









## איך בין דריי יאהר

הילד היקר
**בערל לענראוויטש נ"י**
צו זיין אפשערן למז"ט

הילד היקר
**יצחק מאיר גראס נ"י**
צו זיין אפשערן למז"ט

הילד היקר
**יחיא' מיכל ניימאן נ"י**
צו זיין אפשערן למז"ט

הילד היקר
**קלמן אליעזר עקשטיין נ"י**
צו זיין אפשערן למז"ט

**דער אייבירשטער זאל העלפן איר זאלט אויסוואקסן גרויסע ערליכע אידן תלמידי חכמים יראי' ד' אייערע עלטערן זאלן זעהן פון ענק אסאך אידש נחת געזונטערהייט עמו"ש**

**הנהלת הקינדערגארטן**
**וואונטש א הערצליכן מזל טוב**
**פאר אונזער**
**חשובן טראנספארטעישן מענידשער**
**מו"ה שמוא' ראטענבערג הי"ו**
**צום געבורט**
**פון זיין ערשטן אייניקל למז"ט**

**דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט זעהן אסאך אידש נחת פון אלע אייערע קינדער און איינקלעך געזונטערהייט עמו"ש**

**איר קענט זיין דער גליקליכער**
**געווינער פון א**
**אומזיסטע**
**וואן מען בענד**

**און א**
**זינגער**
**ביי אייער שמחה**
**פאלגט נאך ווייטערדיגע מלדונגן**